# פרשת וישלח י׳ – ט״ז כסלו תשע״ו לפ״ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפילין לבן הר״ר **חיים יעקב גלויבער** הי״ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט״א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת פיקסלער ע״ה (אלמנת הר״ר **אהרן פיקסלער** ע״ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט״א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ בית הכנסת סוף סימן קנ״ו) **בבית מדרשנו**. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**יעקב** אבינו האט געזען אין חלום, סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, א סולם וואס שטייט אויף די ערד, און די שפיץ איז אין הימל, והנה ה׳ נצב עליו, און דער אייבערשטער שטייט איבער אים, און ער זאגט אים צו, אז ער וועט אים היטן אויפן גאנצן וועג. ויקץ יעקב משנתו, יעקב האט זיך אויפגעוועקט, ויאמר אכן יש הוי״ה במקום הזה ואנכי לא ידעתי, מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלקים, וזה שער השמים (כח-יב). ווען ער האט אנגעהויבן האט ער געזאגט, אכן יש ׳הוי״ה׳ במקום הזה, און געענדיגט האט ער, אין זה כי אם בית ׳אלקים׳. וואס דער שם הוי״ה און דער שם אלקי״ם זענען צוויי אנדערע מדות.

**יעקב** אבינו, בשעת ער איז געגאנגען דעם וועג, איז ער געווען צובראכן אויף שברי שברים. מען זאל זיך פארשטעלן א יוד ווי יעקב אבינו, וואס איז אלט זיבן און זיבעציג יאר, און כל ימיו איז ער געזעסן און געלערנט באהלה של תורה, איש תם יושב אהלים. וישכב במקום ההוא, אבער די יארן וואס ער איז געווען ביי שם ועבר איז ער נישט געשלאפן, נאר ער איז געווען אריינגעטון אין תורה. און עס קומט אים אן אזא פלוצלינג׳דיגע השתנות, אז עשו וויל אים הרג׳נען, און ער דארף איבערלאזן די גמרא, איבערלאזן דעם בית המדרש פון שם ועבר, איבערלאזן די שטוב פון יצחק און רבקה, און וואו גייט ער, ער גייט צו לבן אין שטוב, וואס לבן איז געווען דער שורש פון טומאה, ולבן בקש לעקור את הכל. קיין סאך תורה וועט ער דארט נישט קענען לערנען, ער וועט דארפן טון פאר זיין פרנסה, ער זאל האבען פון וואס צו לעבן. ווי דער אמת איז געווען, אז ער איז די אלע צוואנציג יאר וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב, געווען פארנומען מיט די שעף. אזא טויש אינעם לעבן, פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט, איבערלאזן דעם בית המדרש, און ארויסגיין צו לבן אין שטוב, איז א געוואלדיגע איבערלעבעניש פאר אזא צדיק.

**און** ער לייגט זיך שלאפן, און דער אייבערשטער קומט, און ער ווייזט אים, אז א מענטש דארף וויסען אז והנה ה׳ נצב עליו, אפילו עס מאכט זיך ביי דיר א טויש מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, זאלסטו וויסען אז עס מאכט זיך נישט פון זיך אליין. עס איז נישט קיין הסתרת פנים, אז דו האסט געמוזט איבערלאזן דעם בית המדרש, און ארויסגיין אינדרויסן. והנה ה׳ נצב עליו, דער אייבערשטער איז דארט, און דער אייבערשטער זאגט, איך האב דיר געברענגט ביז אהער, און איך פיר דיך ווייטער. עס איז דא א חשבון אויבן אין הימל אז דו דארפסט יעצט אנקומען צו לבן אין שטוב. דו פארשטייסט נאך נישט יעצט די טובה דערפון, אבער דו וועסט אמאל פארשטיין די טובה דערפון, עס איז מיט א חשבון אז דו דארפסט אזוי אנקומען אהין.

**לאמיר** קוקן וואו וואלט יעקב בעסער אפגעשניטן. ווען ער בלייבט נאך צוואנציג יאר אין בית המדרש און ער לערנט, צו די צוואנציג יאר וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב. וואס אין די צוואנציג יאר וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב, האט ער אויפגעשטעלט י״ב שבטים, אלע דורות פון כלל ישראל איז אין זיין זכות. ווען ער וואלט געלערנט נאך צוואנציג יאר, וואלט ער געווען א גרעסערער תלמיד חכם, איין יוד וואלט מער געדינט דעם אייבערשטען. אבער אין די יארן וואס דער אייבערשטער האט אים געשיקט צו לבן

אין שטוב, האט ער אויפגעשטעלט דעם גאנצן כלל ישראל עד סוף כל הדורות.

**יעדעס** מאל וואס א מענטש איז מוצב ארצה, ער שפירט אז ער איז אין א נידריגע מקום, דארף ער געדענקען אז ראשו מגיע השמימה, אז דער שפיץ דערפון איז מיט א חשבון אויבן אין הימל. און דער אייבערשטער געבט אים יעצט דעם נסיון, אין דעם נידריגקייט וואס ער האט, אז די ירידה זאל אים שפעטער ברענגען אן עליה. דער אייבערשטער האט אים געוויזען, 'והנה סלם מוצב ארצה', אפילו ווען עס איז מוצב ארצה, אפילו יעצט ביזטו אין די ערד, זאלסטו וויסען אז 'וראשו מגיע השמימה', דער שפיץ דערפון איז מגיע השמימה.

**און** מיט דעם האט זיך יעקב מחזק געווען, און ער האט געזאגט, איך האב געמיינט אז מיין מצב וואו איך געפין זיך יעצט, ווען איך דארף איבערלאזען דעם בית המדרש פון שם ועבר, און גיין צו לבן אין שטוב, איז א הסתרת פנים, אבער איך זעה 'והנה ה' נצב עליו', דער אייבערשטער איז דא צוזאמען מיט מיר, אכן יש 'הוי"ה' במקום הזה, איך זעה אז דאס איז חסד. איך האב ביז יעצט געמיינט, אז מיין מצב איז א בית 'אלקים', וואס איז מדת הדין, 'אין זה כי אם בית אלקים', דא איז נישט א בית אלקים, נאר 'וזה שער השמים', דאס איז דער שער אז איך זאל קענען צוקומען צו שמים. איך דארף דאס אדורכגיין, כדי איך זאל קענען אנקומען צו דעם וואס איז אנגעשריבן אויבן, אז איך דארף אנקומען.

*

**מען** זעהט שפעטער אין די פרשה, ווען יעקב איז געווען ביי לבן אין שטוב, און לבן האט אוועקגענומען רחל, וואס ער האט געארבעט פאר איר זיבן יאר, ויהי בבוקר והנה היא לאה, צופרי זעהט ער אז עס איז לאה, ויאמר אל לבן, מה זאת עשית לי, הלא ברחל עבדתי עמך ולמה רמיתני (כט-כה), פארוואס האסטו מיך אויסגענארט. מען ווייסט, אז ווי עס שטייט 'ויאמר' איז עס אן אמירה רכה. ווען מען רעדט צו יענעם שטרענג, זאגט מען א לשון דיבור. עס שטייט נישט, אז ווען יעקב איז אויפגעשטאנען צופרי און ער האט געזען אז דאס איז לאה, האט ער אנגעהויבען צו שרייען, און געמאכט קולות, ויחר אף יעקב, ער האט זיך געבייזערט, אדער וירב בלבן, ער האט זיך געקריגט מיט לבן, אדער וידבר אל לבן, ער זאל רעדן צו לבן דיבורים קשים, נאר 'ויאמר', ער האט גערעדט אן אמירה רכה.

**יעקב** האט זיך אויסגעלערנט, אז אלעס איז מן השמים. נאכדעם וואס ער האט זיך באווארענט מיט זיין שידוך, אז לבן זאל נישט קענען פארטוישן. ער האט געמאכט אזויפיל תנאים מיט לבן, רחל, בתך, הקטנה. ער האט געגעבן סימנים פאר רחל, אז לבן זאל נישט קענען מאכן אן ערמה. און סוף כל סוף זעה איך, אז מען האט מיר אויסגעשפילט, און עס איז לאה, איז א סימן אז עס איז מן השמים. דער רבונו של עולם וויל נישט אז איך זאל יעצט חתונה האבען מיט רחל, דער רבונו של עולם האט זיך זיינע וועגן, און ער האט מיר אונטערגעשיקט לאה. און אז דאס וויל מען פון הימל, דארף א מענטש שלום מאכן מיטן מצב. רבות מחשבות בלב איש, ועצת ה' היא תקום (משלי יט-כא), אז דער אייבערשטער האט מיר דאס געגעבן, איז א סימן אז אזוי דארף צו זיין.

**ווען** עס וואלט ביי אונז פאסירט אזא מעשה, אז איינער וואלט אים אנגעטראגען א שידוך, און מען וואלט אים נאכדעם געגעבן א צווייטע, וואס ער האט נישט געוואלט, מען געבט אים די שוועסטער פון די וואס ער האט געוואלט נעמען, וואלט געווען דעם אנדערן טאג קולות וברקים, ער וואלט איבערגעדרייט די שטוב, ער וואלט איר ארויסגעווארפן, און געזאגט הייב דיך אויף און גיי צוריק צום דיין טאטן, און מיט דעם מחותן וואלט ער מער נישט גערעדט. מען קען זיך פארשטעלן ווי אזוי עס וואלט אויסגעקוקט, ווייל אפילו היינט ווען מען טוט יא א שידוך מיט דעם וואס מען האט יא אפגעשמועסט, נאר מען ווערט געוואר נאך די חתונה, אז איין זאך האט מען נישט פונקטליך פארציילט, הייבט זיך אן גאנצע קריגערייען, פארוואס מען האט אים נישט פארציילט אלעס פונקטליך. פארוואס ווען איך האב געפרעגט אינפארמעישאן, האט מען מיר נישט פארציילט דאס און דאס. און מען טראגט

זיך ארום מיט א שווער הארץ אויף דעם שווער, מען האט אים אריינגעדרייט אין א שידוך, זיין לעבן איז שוין ביי אים אפגעזיגלט, און א האלבע שמחת החיים איז שוין ביי אים צוגענומען. - א יוד דארף וויסען, אויב מען האט אזוי צוגעפירט פון הימל, דאס איז עס. דאס האט מען דיר צוגעשיקט, דאס איז דיין זיווג, צו דו ווילסט יא צו דו ווילסט נישט, פון הימל וויל מען אזוי. יעקב איז אויפגעשטאנען צופרי און ער האט געזען אז עס איז לאה, האט ער געוואוסט אז עס האט אזוי געדארפט זיין מן השמים.

**מען** געפונט אין פסוק ביי די פרשה פון תרומה, ואני הנה נתתי לכם את משמרת תרומותי (במדבר יח-ח), זאגט רש"י הנה, איז א לשון שמחה. ויהי בבוקר 'והנה' היא לאה, עס איז געווען ביי אים א שמחה. חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה (ברכות נד.), עס איז נישט 'ויהי' א לשון צער, דער אייבערשטער האט אזוי געוואלט, מוז זיין אז איך האב געדארפט נעמען לאה. ער טראכט נישט פון איבערלאזן לאה, דאס קומט נישט אין חשבון. שפעטער וועט ער נעמען רחל אויך, אבער מיט לאה בלייבט ער.

**און** בשעת ער האט גערעדט צו לבן, האט ער זיך נישט געקריגט מיט אים, פארוואס האסטו אזוי געטון וכדומה, ווייל אין הימל האט מען געוואלט אז איך זאל נעמען לאה. לבן איז נאר געווען דער שליח דערצו, ער קריגט זיך נישט מיט אים, און ער שרייט נישט אויף אים, ער זאגט נאר פאר לבן געלאסען באמירה רכה, 'ויאמר' אל לבן, איך וויל הערן דיין צד, זיי מיר מסביר, וואס האסטו געטראכט בשעת דו האסט מיר געגעבן לאה. איך בין צופרידען מיט וואס מען האט מיר געגעבן, ווייל פון הימל האט מען אזוי געוואלט, נעם איך וואס מען האט מיר געגעבען פון הימל, אבער 'מה זאת עשית לי', פארוואס האסטו דאס געטון, 'למה רמיתני', וואס איז געווען דיין חשבון אז דו האסט מיר אויסגענארט. און לבן ענפערט אים, איך האב אויך געהאט עפעס א חשבון, לא יעשה כן במקומינו לתת הצעירה לפני הבכירה. פיין האסט געהאט א חשבון, איז געפארטיגט, און יעקב האט מער נישט גערעדט א ווארט.

**ער** וויל דאך אבער אויך חתונה האבען מיט רחל, ער האט דאך געארבעט פאר רחל. זאגט אים לבן, פאר רחל וועסטו ארבעטן נאך זיבן יאר. ער האט דאך נישט א ברירה. אז דאס איז מן השמים, איז דאס אויך מן השמים, האט ער געארבעט שבע שנים אחרות. און רש"י זאגט, אחרות הקישן לראשונות, מה ראשונות באמונה אף האחרונות באמונה, ער האט געארבעט די לעצטע זיבן יאר מיט אזא נאמנות, אזוי ווי ער האט געארבעט די ערשטע זיבן יאר.

**ווען** היינט זאל פארקומען אזא מעשה, אז דער שווער האט אים אזוי אויסגעשפילט, און דער שווער זאגט אים נאכדעם, זאלסט ארבעטן פאר מיר נאך זיבן יאר וועסטו באקומען די צווייטע. ער האט טאקע נישט א ברירה, ער דארף ארבעטן, אבער וואס ער וואלט געקענט אראפציפן פון די ארבעט, וואלט ער אראפגעציפט. דער גנב, דער גזלן, ער האט מיר צוגע'גנב'ט מיין ווייב, און איך דארף נאך ארבעטן פאר אים געטריי אויך. אבער יעקב אבינו האט געוואוסט אז אלעס איז מן השמים. נשאת ונתת באמונה איז נישט א נפקא מינה, צו מען האט דיר געטון א עוולה צו נישט. ער האט נאכדעם געדינט לבן כראשונות, אזוי ווי די ערשטע. וועגן דעם דערציילט עס די תורה, כדי מען זאל וויסען ווי אזוי א יוד דארף זיך צו פירן.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרה"ג רבי **ברוך אברהם הורוויץ** שליט"א ר"י באבוב, עב"ג בן הרה"ג רבי **נפתלי וואקסמאן** שליט"א (לאנדאן), שהתקיים באולם עדת טערעס.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים יעקב גלויבער** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז.

*

***יום שני פרשת וישלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז גארדען, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** תורה הק' פארציילט, ווי אזוי יעקב און עשו האבן זיך געטראפען, און עשו האט געזאגט פאר יעקב, נסעה ונלכה ואלכה לנגדך, לאמיר גיין צוזאמען. און יעקב האט אים געענטפערט, אדוני יודע כי הילדים רכים, די קינדער זענען נאך יונג, והצאן והבקר עלות עלי, ודפקום יום אחד ומתו כל הצאן (לג-יב), יעקב האט אים אפגעשטופט, ער וויל נישט גיין צוזאמען מיט עשו. עשו זאל זיך גיין זיין וועג, און ער וועט שוין נאכקומען. און יעקב איז זיך געגאנגען זיין וועג, און ער האט זיך אפגעטיילט פון עשו.

**ענליך** געפונט מען די פאריגע וואך אין די פרשה, ווען יעקב איז געווען ביי לבן אין שטוב, און נאכדעם וואס ער האט געארבעט ביי אים אזויפיל יארן, האט יעקב געוואלט איבערלאזן לבן. און לבן האט אים געפרעגט, פארוואס ער וויל אוועקגיין, און ער וויל נישט ארבעטן ביי אים ווייטער. האט אים יעקב געענטפערט, מתי אעשה גם אנכי לביתי (ל-ל), עס איז געקומען די צייט וואס איך דארף אויך טון פאר מיר און פאר מיין שטוב, ער וויל זיך אפטיילען פון אים.

**די** ביאור דערפון איז, יעקב איז געווען אזויפיל יארן ביי לבן אין שטוב, און ער האט זיך געהאלטן ערליך בקדושה, כאטש ביי לבן אין שטוב איז געווען די עכסטע טומאה, ולבן בקש לעקור את הכל, פון דעסטוועגן דאך איז יעקב געווען אזוי גרויס אין קדושה, אז ער האט זיך געקענט האלטן אפילו ביי לבן אין שטוב.

**אבער** ווען יעקב האט אנגעהויבען ערציען קינדער, עס זענען געבוירן געווארן די שבטי י-ה, ער האט שוין א שטוב מיט קליינע קינדער, זיי קען ער נישט לאזן נעבן לבן, זיי קענען נישט נתחנך ווערן אין אזא שטוב, ווי זיי וועלן צוקוקען ווי אזוי לבן פירט זיך. ער האט געשפירט אז עס וועט שאדען פאר די קינדער, ווען מען וואוינט צוזאמען, און מען זעהט ווי לבן פירט זיך נישט אויף ערליך. האט יעקב געשפירט אז ער קען נישט בלייבען דארט ווייטער, און תיכף ווען יוסף איז געבוירן געווארן, שטנהו של עשו, און מען קען שוין אהיימגיין, האט ער תיכף געוואלט איבערלאזן די שטוב פון לבן, וועגן די קינדער. ווען לבן האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער וויל אוועקגיין, האט אים יעקב געזאגט, 'מתי אעשה גם אנכי לביתי', איך האב אויך א שטוב, און מיין שטוב איז ביי מיר וויכטיגער. איך זאל קענען ערציען ערליכע קינדער, איך זאל קענען האבען א בית וואס איז נאמן לה' ולתורתו, דאס קען נישט זיין ביי לבן אין שטוב, וועגן דעם מוז איך מיך אפטיילען פון דיר.

**און** די זעלבע זאך איז געווען ווען יעקב האט זיך געטראפען מיט עשו, און עשו האט ארויסגעוויזען פריינדשאפט פאר יעקב, און ער האט אים געזאגט, נסעה ונלכה ואלכה לנגדך, לאמיר גיין צוזאמען. איך וועל גיין פון איין זייט, און דו וועסט גיין נעבן מיר. האט אים יעקב געענטפערט, איך וואלט זיך נאך געקענט אן עצה געבן מיט דיר, אבער הבנים רכים, די קינדער זענען נאך קליין, מיינע קינדער וועלן זיך זייער שנעל צוגעוואוינען, ווען זיי וועלן זעהן וואס עשו טוט, און זיי וועלן, וועלן נאכגיין אין די וועגן פון עשו. די בנים רכים קענען נישט גיין צוזאמען מיט דיר. גיי דיר דיין וועג, און איך וועל מיר גיין מיין וועג. - אז מען וויל ערציען ערליכע קינדער, ערליכע יודישע דורות, דארף מען וויסען אז די וועג איז זיך אפצוטיילען פון עשו און פון לבן, און נישט קוקען אפילו אין די וועגן וואס זיי גייען, כדי מען זאל נישט וועלן נאכטון זייערע מעשים.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (בבגדי שבת) אצל החתונה בבית הרה"ג רבי **ישראל אהרן כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן הרה"ג רבי **משה אלי' היימליך** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד וועגשייד שליט"א), שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו להמחותנים הרבנים הגאוה"צ שליט"א. אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** בברכה אחריתא.

*

***יום שלישי פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי יהודה משולם דוב פאלאטשעק שליט"א** אב"ד מגד יהודה, עב"ג בן **הרה"ג רבי יצחק צבי לוריא שליט"א**, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **חיים ישעי' שווימער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יוסף יאקאב** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יהושע בערקוי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש אפטא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לבית חתנו **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א** לרגל האפשערן של בנו הילד **חיים מיכאל יוסף** ני"ו. **רבינו שליט"א** ומחותנו **הרה"ג רבי מנחם מאיר ווייסמאנדל שליט"א** אב"ד נייטרא מאנסי גילחו משערות הראש, והלבישו הקאפעל והציצית. - לאחר שתיית לחיים נסעו להתלמוד תורה שע"י קהלתנו הק' לחדר פירן. המלמד הרב **ראובן גרייפמאן** שליט"א הקריא עם הילד סדר הא"ב והפסוקים ונתן לו לטעום מהדבש. כמו כן העלו העוגה שהוכנה במיוחד עם הפסוק ה' אלקים נתן לי לשון למודים וכו' (ישעיה נ-ד) כתוב עליו, כנהוג אצל צאצאי בית **רבינו שליט"א**.

עם סיום המעמד עברו בסך מאות ילדי התלמוד תורה לפני **רבינו שליט"א** לקבלת שלום, ולברך ולהתברך לרגל השמחה, כשכל אחד קיבל שיירי מזונות מאת **רבינו שליט"א**.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **נתנאל הארטמאן** ני"ו, בן הר"ר **מנחם הארטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אשר לעמל שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **פנחס קרויס** ע"ה.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יעקב פאלאטשעק** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של בן ש"ב הרה"ג רבי **ישעי' טייטלבוים** שליט"א (בן הרה"ג **רבי יחזקאל שרגא טייטלבוים** שליט"א, דומ"ץ דקהל יטב לב קליימער) עב"ג בת הרה"ג רבי **יודא פאזען** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **נתנאל הארטמאן** ני"ו ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **לייב זיכערמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש זלאטשוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **משה דוד רייך** נ"י, בן הר"ר **משולם זושא רייך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בן ציון חיים לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד מאטערסדארף שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אלמנת הגאון רבי אלי' שמחה שוסטאל זצ"ל ר"י סטעמפארד).

***וזה תוכן השיחה:***

**גאב"ד מאטערסדארף:** דער מגן אברהם (סימן ס"ח) ברענגט, אז עס איז דא צוועלף שערים אין הימל, אקעגן די צוועלף שבטים, און די תפלה פון יעדן שבט גייט ארויף אין זיין שער, און מען זאל נישט משנה זיין די נוסח התפלה פון דעם שבט.

דער **חתם סופר** (פ' שופטים) זאגט, שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, אשר ה' אלקיך נותן לך לשבטיך (דברים טז-יח), **רש"י** און דער **רמב"ן** לערנען פשט, שופטים ושוטרים תתן לך לשבטיך, בכל שעריך. דער **חתם סופר** זאגט אבער, אז 'לשעריך' מיינט מען טאקע די שערים פון הימל. ווייל יעדע שבט האט א באזונדערע וואס די תפלה גייט ארויף אין דעם שער. און אויך די השפעה פון תורה קומט ארונטער פון דעם שער, פאר דעם שבט. און וועגן דעם האט יעדע שבט געדארפט האבן א עקסטרע שופט, ווייל דער שופט פון איין שבט איז נישט גוט פארן צווייטען שבט, ושפטו את העם משפט צדק.

עס קען זיין אז דאס איז וואס שטייט אין מדרש (שמו"ר כד-א), אז עס איז געווען י"ב שבילים ביי קריעת ים סוף. פארוואס האט מען געדארפט האבן י"ב שבילים, נאר ביי קריעת ים סוף ברענגט דער **חיד"א** (חומת אנך פ' בשלח) אז עס איז געווען אין זכות פון קבלת התורה. איז דאך עס געווען א הכנה אויף די השפעות התורה, האט יעדע שבט געדארפט האבן א שביל באזונדער, מקבל צו זיין די השפעות התורה.

**רבינו:** עס שטייט אין פרקי דרבי אליעזר (פרק מ"ב) אז ביי קריעת ים סוף זענען די צוועלף שבילים געווען דורכזיכטיג פון איינעם צום אנדערן, אז כאטש מען איז פון אן אנדערן שבט, זאל מען קענען אנקוקען איינעם דעם אנדערן. עס דארף נישט זיין א מחיצה המפסקת, וואס מען קען זיך נישט זעהן.

**גאב"ד מאטערסדארף:** מען דארף יענעם אויך פארשטיין.

**הרב חיים דוד צוויבעל הי"ו:** יעקב אבינו ווען ער האט געבענטשט די קינדער האט ער געזאגט, הקבצו ושמעו בני יעקב (בראשית מט-ב), פארוואס האט ער נישט געבענטשט יעדן קינד באזונדער. כדי יעדער שבט זאל הערן די ברכה פונעם צווייטען שבט. יעדער האט זיין אייגענעם ברכה, אבער ער דארף פארשטיין אז יענעמס ברכה איז אויך א ברכה.

**רבינו:** די פאריגע וואך אין די פרשה שטייט, אז יעקב אבינו האט גענומען צוועלף אבנים, און עס איז געווארן איינס. צו ווייזען אז פון די צוועלף שבטים קען אויך ווערן דערפון איינס.

**גאב"ד מאטערסדארף:** דער **חתם סופר** זאגט דארט (פ' ויצא), אז דער **רמב"ן** פרעגט, ווי אזוי האט יעקב אבינו אוועקגעשטעלט א מצבה, א מצבה איז דאך אשר שנא ה' אלקיך (דברים טז-כב). זאגט דער **רמב"ן**, אז דא איז נאך געווען פאר מתן תורה. ווען עס איז נאכנישט געווען שנוא. רש"י זאגט, אז מצבה איז אבן אחת, און מזבח איז אבנים הרבה. זאגט דער **חתם סופר** וואס איז דער ענין דערפון, ווייל ביי די אומות העולם איז די גאנצע אומה עוסק אין צרכי עולם הזה, מוז מען דאך האבען איינער וואס זאל זיין דער שמייליגער, דאס איז דער דמות פון מצבה, אבן אחת. אבער ביי יודן איז אבנים הרבה, יעדער איינער פון כלל ישראל איז עוסק אין עבודת ה'. דא איז פון די צוועלף געווארן איין שטיין, אזא מצבה האט דער אייבערשטער ליב.

**וניחמו רבינו:** המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, מען זאל אפגעהיטן ווערן פון צער, און מען זאל הערן נאר בשורות טובות. דער רב זאל האבן אסאך כח, און קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בן הר"ר **ישראל מנחם קאהל**

הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בנימין יהושע פוקס** הי"ו, שהתקיים באולם סעליש.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **משה דוד רייך** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת וישלח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי דוב בער ממעזריטש זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ט כסלו). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א.**

אחר הבאטע השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות בבית הרה"ג רבי **ישראל אהרן כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק גאב"ד סערדאהעלי שליט"א) שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

בקריאת התורה ביום שב"ק התקיים הבאווארפן של החתן **אברהם שמואל זינגער** נ"ו, בן הר"ר **יהודה זינגער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **ישראל אליעזר וויינער** הי"ו, ואצל הר"ר **עזריאל חיים בלומענפעלד** הי"ו.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי סיני דייטש שליט"א** אב"ד דעת שלום שאץ (לאנדאן) בברכת המזון.

# תוכן השיחה בעת ביקורו של רבינו שליט"א אצל כ"ק הגה"צ גאב"ד ירושלים שליט"א

**יום עש"ק פרשת וישב - ערב חנוכה תש"ע לפ"ק**

**גאב"ד ירושלים:** וואס מאכט די קהילה קדושה?

**רבינו:** ברוך השם.

**גאב"ד ירושלים:** עס איז א שיינער ציבור, איך האב געזעהן ווען איך בין געווען דארט פאריאהר. (**הגאב"ד שליט"א** השתתף והשמיע מדברותיו אצל סעודת הילולא של מרן **הגה"ק רבי יונתן שטייף זצוק"ל** אב"ד דקהלתינו, שהתקיימה ברוב עם בבית מדרשינו בוומסב"ג במלאות חמישים שנה לפטירתו).

**רבינו:** יגדיל תורה ויאדיר.

עס איז שוין היינט בטל געווארן די קהילות אזוי ווי עס איז געווען אינדערהיים [גאב"ד ירושלים: לצערינו הגדול], דאס איז נאך אביסל מעין אזוי.

א פלא אז עס האט זיך נישט אזוי געהאלטן די אשכנזים, עס איז נישט געבליבן פאר זיך.

**גאב"ד ירושלים:** יא, דאהי אויך וויייניג.

**רבינו:** אדער איז מען אריבער צו די חסידים, אדער אריבער צו די ליטוויקעס.

**גאב"ד ירושלים:** די עיקר איז אז ב"ה מען האלט זיך ערליך, מען איז נישט געווארן וויייניגער, און מען גייט בדרכי התורה.

*

**רבינו:** ווען מען איז דא חנוכה אין ארץ ישראל, און מען האט משפחה אינדערהיים, און די שעות זענען נישט די זעלבע, דאס הייסט אז ווען מען צינדט דא, איז נאך דארט אינמיטן טאג, איז שייך אז יענער זאל קענען יוצא זיין מיט די הדלקה אדער פארקערט.

**גאב"ד ירושלים:** עס דאכט זיך מיר אז אין **שו"ת מנחת יצחק** איז דא אויף דעם א תשובה[א], לכאורה

---

[א] **בשו"ת מנחת יצחק** (ח"ז סימן מ"ו) מסתפק אי הבעל יכול לצאת בהדלקת אשתו שמדלקת בתוך ביתו, בזמן שבמקום שבו הוא נמצא עדיין יום א' אצלו כגון שהוא בחו"ל, ובמקום ביתו

נישט אז עס איז נישט די זמן הדלקה, ווייל ווען מען צינדט דא, איז נאך דארט אינמיטן טאג.

**רבינו:** די שאלה וואלט אויך געקענט זיין בזמן הש"ס, אויב מען איז געווען אפגערוקט, עס איז דאך געווען אזא מציאות, מען זעהט דאך ביי המביא גט ממדינת הים, אז מען האט געקענט זיין אין צוויי פלעצער.

**גאב"ד ירושלים:** מסתבר איז אז אויב עס איז נישט דעמאלטס די זמן הדלקה, קען מען נישט יוצא זיין מיט די הדלקה.

*

**גאב"ד ירושלים:** דער רב בלייבט דאהי אויף חנוכה?

**רבינו:** איך מוז בלייבן דאהי אביסל ביז אנהייב חנוכה, ווייל די יארצייט פון מיין מאמע ע"ה איז היינט ערב חנוכה (מנו"כ בהר המנוחות).

מען געפינט דאך אין די גמרא אז במקום הנס האט א ספעציעלע ענין, מען זאגט דאך ברוך שעשה לי נס במקום הזה, אז אויף דעם מקום וואס עס איז געשעהן א נס איז דא חיוב ברכה, איז א סימן אז במקום הנס איז חשוב'ער ווי ערגעץ אנדערש.

עס איז א פלא ביי דעם נס חנוכה, וויפיל מען האט שוין גוזאגט דערויף, און וויפיל קושיות עס איז דא אויפן גאנצען נס.

**גאב"ד ירושלים:** עס שטייט דאך ביי אהרן אז ער האט זיך מצטער געווען ביי די חנוכת המשכן, און דער אייבערשטער האט אים געטרייסט מיט הדלקת המנורה, אז די נרות בלייבן לעולם (מדרש רבה טו-ו), זאגט דאך דער **רמב"ן** (במדבר ח-ב) אז דאס גייט ארויף אויף חנוכה, אז דאס בלייבט לעולם, ווייל די נרות המקדש איז דאך נישט דא היינט. קומט אויס אז אלעס איז אין זכות פון אהרן הכהן.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין אמאל, אז בשעת דעם חורבן פונעם בית המקדש האט דאך געברענט די מנורה, עס האט דאך געברענט די גאנצע צייט, און לויטן רמב"ם (הל' תמידין ג-י) איז דאך געווען די מצוה פון הדלקה סיי ביינאכט און סיי בייטאג, און בשעת דעם חורבן האט דער אייבערשטער ארויפגענומען די מנורה אויבן, און עס ברענט די גאנצע צייט. מען געפונט דאך אז אזא נס איז געווען במקדש אז מען האט אנגעצינדען איינמאל און עס האט געברענט א גאנץ יאהר (מדרש תנחומא תצוה ג), איז כפשוטו 'שלך עומדת לעולם', די עבודה פון קרבנות איז דאך בטל געווארן, אבער די מנורה וועט בלייבן אויף שטענדיג, מיט דעם וואס מען האט עס אנגעצינדען דעמאלס, בלייבט עס אויף שפעטער אויך.

באמת מען פרעגט דאך א קשיא אויף דעם אליינס, אז די מנורה האט געברענט א גאנץ יאהר, וויאזוי האט מען מקיים געווען די מצוה פון הדלקת הנרות יעדן טאג (עיין **בשו"ת אמרי יושר** ח"ב סימן קצ"ה, **ובליקוטי יהודה** פ' תצוה, הובא דבריהם **בשמן ראש** לחנוכה אות לב).

**גאב"ד ירושלים: רבי חיים בריסקער** (הל' ביאת מקדש פ"ט ה"ז) זאגט א חידוש א גרויסן, אז די מצוה איז נישט געווען די מעשה הדלקה, נאר ביי חנוכה איז הדלקה עושה מצוה, אבער אין בית המקדש איז די מצוה נאר געווען אז די מנורה זאל ברענען. מען קען מדייק זיין אזוי אין פסוק (במדבר ח-ב) אז עס שטייט 'יאירו שבעת הנרות', עס שטייט נישט אז דו זאלסט אנצינדען. שפעטער האב איך געטראפן אז דער **בריסקער רב** דא **רבי וועלוול ז"ל** (**חידושי הגרי"ז** הל' תמידין סוד"ה והנה בשו"ת הרשב"א) זאגט אליינס די ראיה אז עס שטייט נישט תאיר את שבעת הנרות, נאר יאירו שבעת הנרות, זיי זאלן לייכטען דאס איז די מצוה. ער זאגט אזוי פשט אין רמב"ם (הל' ביאת מקדש ט-ז), די רמב"ם זאגט אז מען קען אנצינדען די מנורה אין חצר, און לכאורה אויב הדלקה עושה מצוה קומט אויס אז אויב מען צינדט אין חצר האט מען נישט יוצא געווען ווייל הדלקה במקומה בעינן, אלא מאי זעהט מען אז עס איז גענוג אז עס ברענט אינעווייניג, און מען דארף עס נישט אנצינדען אינעווייניג, ווייל נישט בשעת די הדלקה איז די מצוה, נאר נאכן צינדן אינדרויסן ברענגט מען עס אריין, און דעמאלס הייבט זיך אן די מצוה.

---

באר"י ששם היא מדלקת הוא כבר ליל ב', ומסיק שהבעל יכוון שלא לצאת בהדלקת אשתו וידליק בפני עצמו או ישתתף בפרוטה. אבל היכא שבמקום הבעל מקדים הלילה לבא כגון שהוא בארץ ישראל, ורוצה לצאת בהדלקת אשתו בביתו בחו"ל, אז אף אם בשעה שהיא מדלקת כבר האיר השחר אצלו, מכל מקום כיון דהוי עוד אותו יום מימי החנוכה שפיר יכול לצאת בהדלקתה ע"ש. ועיין עוד **בשו"ת באר משה** (ח"ז, בדיני בני אר"י וחו"ל סימן רס"ג) שהחמיר בזה בב' האופנים. - **ובשו"ת מנחת שלמה** (**להגרש"ז אויערבאך זצ"ל**, ח"ב סימן נ"ו אות ב) כתוב דבכל ענין הבעל יוצא בהדלקת אשתו, אף כשלא הגיע עדיין הזמן אצלו, והטעם לפי שמה שבני הבית נפטרים כשהבעה"ב מדליק, אינו משום דהוי השליח שלהם, אלא משום שכשיש נר דלוק בביתם ממילא הם פטורים. וכן נוטה להלכה **בשו"ת קנין תורה** (ח"ד סימן פ"ב). ועיין עוד **בשו"ת תשובות והנהגות** (ח"ב סימן קנ"ז אות י', ובח"ג סימן רט"ו אות י"ח).

דער **חתם סופר** (דרשות לחנוכה סז.) זאגט פשט אין רמב"ם אז מען יוצא די מצות הדלקה אין חצר גופא אויך, אפילו מען טראגט עס נישט אריין, ווייל עס שטייט נאר אז די מנורה דארף זיין אין היכל במקום המקדש אלץ דעם צורת הבנין, אבער די מצות המנורה און די הדלקה קען זיין אינדרויסען (עיין בכל זה **בשמן ראש** לחנוכה אות לז, ובאות קב. ובליל ו' דחנוכה תשע"ה).

דער **שפת אמת** (מנחות פח:) זאגט אזוי, ער פרעגט א קשיא אויף דעם נס חנוכה אז עס האט געברענט אכט טאג, פרעגט ער אזוי, אז די גמרא זאגט (שם) אז אויב די ליכט ברענט אויס אינמיטען די נאכט, נר שכבתה נידשן השמן נידשנה הפתילה, און מען האט געדארפט ארויסגענומען די איבריגע אויל און עס מער נישט נוצן, פרעגט ער אויב אזוי וואס האט מען געהאט פון דעם נס אינגאנצען, איינמאל די ליכט האט זיך אויסגעלאשן קען מען דאך שוין נישט נוצען די איבריגע שמן וואס איז געבליבן אינעם נר. זאגט דער **שפת אמת** אז נידשן השמן איז נאר אויב עס גייט אויס, אבער דא איז געווען די נס אז עס האט געברענט אכט טעג און אכט נעכט אין איין צו, נישט אז עס האט זיך אויסגעברענט. אויף דעם ווערט אבער שווער די קשיא וויאזוי האט מען מקיים געווען די מצות ההדלקה, נאר לויט דעם וואס מען רעדט שטימט, אז עס איז נישטא קיין מצוה מדליק צו זיין נאר אז עס זאל ברענען, און אזוי ווי עס האט געברענט אגאנצן צייט, איז אויך נישט קיין פראבלעם מיט נידשן השמן נידשנה הפתילה.

אין די גמרא (מנחות פט.) איז דאך דא אויך א מחלוקת וויאזוי מען האט געוויסט די פונקטליכע שיעור צו צינדן חצי לוג, צו מען האט קודם אריינגעלייגט מער אינעם נר א גאנצע לוג, און מען האט געזעהן וויפיל עס בלייבט איבער, האט מען געוויסט אז דער שיעור איז א חצי לוג [מלמעלה למטה שיערו], אדער מען האט אנגעהויבן מיט ווייניג אויל, און מען האט כסדר צוגעלייגט וויפיל עס פעלט אויס [מלמטה למעלה שיערו]. נו אויב מען האט געלייגט מער פארשטייט מען, אבער אויב מען האט געלייגט ווייניגער וויאזוי האט מען מקיים געווען די מצוה, בשעת די הדלקה איז דאך נישט געווען גענוג, און אויב די מצוה איז די מעשה הדלקה מוז מען דאך אריינלייגען לכתחילה די שיעור אויף אגאנצע נאכט, אלא מאי אז די מצוה איז נאר אז עס זאל ברענען, ממילא איז דאס שוין נישט קיין פראבלעם אזוי שטארק (עיין עוד **בשמן ראש** לחנוכה אות צז).

**רבינו:** עס קען זיין, אז נישט אין די מנורה אליינס האט מען עס אנגעצינדן אזוי, נאר קען זיין מען האט עס אנגעצינדען אזוי אין אנדערע כלים, און לויט דעם האט מען צוגעגעבן צו וויסן פונקטליך וויפיל די שמן ההדלקה דארף צו זיין.

**גאב"ד ירושלים:** אבער עס איז נישט משמע אין די גמרא אזוי.

**רבינו:** (אחר שהביאו גמרא מסכת מנחות, ועיינו יחד בפנים בדברי הגמרא בדף פט.) די גמרא זאגט אז די וואס האלטן אז מען האט משער געווען מלמטה למעלה, איז ווייל התורה חסה על ממונן של ישראל [וברש"י שאילו היו נותנין בו לוג לכתחילה, ומה שמשייר למחר היו שופכין לחוץ, איכא חסרון], מוז זיין אז עס איז געווען אין די מנורה, ווייל אז נישט וואלט מען דאך געקענט נוצען די איבריגע שמן.

**גאב"ד ירושלים:** יא, פשטות איז משמע אז עס איז געווען אין די מנורה. (ואחר שעיין עוד בתוספות ד"ה אין עניות אמר:) אה!, תוספות פרעגט טאקע אז מען וואלט געקענט אזוי טוהן צו נוצן שמן של חול[ב].

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**גאב"ד ירושלים:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל מצליח זיין, און קענען מרביץ תורה זיין מתוך נחת.

---

[ב] בספר **קרן אורה** (שם) כתוב וזה לשונו: לפי משמעותא דשמעתא דבמנורה עצמה שיערו, וכנראה מלשון רש"י ז"ל, הוי מצי למימר דלהכי שיערו ממעלה כו' כדי שיהיה בה שיעור הדלקה לכל הלילה, עד דקשה לי למאן דאמר ממטה למעלה אם כן כי נתנו שיעור פחות מלוג, ולא היה בו כשיעור מערב עד בוקר לא קיים המצוה, כמו לענין נר חנוכה דבפחות משיעור לא יצא, אף על פי שהוסיף אחר כך. ויותר היה נראה דבשמן של חול שיערו, ועיין תוספות בד"ה אין עניות ע"כ. ועיין עוד **בדרשות מהרי"ץ** לחנוכה (דרוש טז) שיש לומר ששיערו במנורה של חול ע"ש בארוכה.

**ובחזון איש** (מנחות סימן ל' אות ז') גם כן רצה לצדד מחמת קושיא הנ"ל דשיערו במנורה ובשמן של חול, אולם כתב שזה לא יתכן דהרי מסיק בגמרא שהיתה מזה משום הפסד ממונם של ישראל, ואם שיערו במנורה של חול הרי ליכא בזה שום הפסד, שהרי למחרתו יכולים להשתמש בו. ולכך מתרץ [וכן כתוב **בשטמ"ק** החדש] דאולי עשו בתחלה פתילה דקה, ואחר כך העבו את הפתילה והוסיפו שמן, עד שמצאו חצי לוג שמן בליל טבת בפתילה בינונית. ועיין עוד **בשפת אמת** מה שכתב בביאור דברי הגמרא התורה חסה וכו'.

**רבינו:** אמן, דער רב זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען פירן אי"ה די עדה מתוך אריכות ימים ושנים, לאנגע געזונטע יאהרן.

**גאב"ד ירושלים:** (אחר שאחד מהנוכחים מחו"ל שלומד בארה"ק, ומבאי ביתו של הגאב"ד נתן שלום לרבינו): אסאך היימישע בחורים אמעריקאנער בחורים קע"ה זענען דא.

**רבינו:** איך האב הנאה אז זיי האבן ווי צו קומען, און אז זיי האבן שכל צו קומען, עס שטייט אזוי אין די משנה (אבות א-ד) והוי מתאבק בעפר רגליהם, מען דארף עס אויסנוצען ווילאנג מען קען.

דער אייבערשטער זאל געבן מען זאל קענען צוזאמקומען נאר מתוך שמחה, שבת שלום ומבורך.

**ונפרדו לשלום**

## תוכן השיחה בעת ביקורו של רבינו שליט"א
## אצל כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א בירושלים עיה"ק

**יום א' פרשת מקץ - ב' דחנוכה תש"ע לפ"ק**

**האדמו"ר מתולדות אהרן היה לבוש בבגדי שבת אחר שמחת ברית מילה בבית מדרשו ואמר:** די טאטע ז"ל ביי יעדע ברית וואס ער איז געווען סנדק, איז ער געגאנגען אנגעטוהן מיט די שבת'דיגע בגדים.

**רבינו:** סיי ווען ער געווען סנדק, און סיי ווען ער איז געווען מוהל?

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** ביי מוהלות נישט, נאר ווען ער איז געווען סנדק.

**רבינו:** וואס איז דער חילוק?

**האדמו"ר מתו"א:** איך ווייס נישט, אפשר ווייל דער סנדק איז דאך אזוי ווי א מזבח וואס מען איז מקטיר דערויף די קטורת (כמו שכתב **הרמ"א** יו"ד סימן רס"ה סעיף י"א בשם **המהרי"ל** דיפה כח הסנדק מכח המוהל להקדימו לקריאת התורה דכל סנדק הוי כמקטיר קטרת, ועיין עוד **בשו"ת חתם סופר** (או"ח סימן קנט).

**רבינו:** אין הלכה זענען זיי איייניג דער סנדק און דער מוהל, זיי האבן די זעלבע הלכה לגבי אנטוהן בגדי שבת אין די נייע טעג (עיין סימן תקנ"ט סעיף ח' ברמ"א).

דער **סאטמארער רב זכרונו לברכה** אין סאטמאר פלעגט ער אויך אנטוהן בגדי שבת ווען ער האט געהאט א סנדקאות, און אין ניו יארק האט ער אויפגעהערט.

**האדמו"ר מתו"א:** ער וואלט עס ווען קיינמאל נישט אויסגעטוהן..

**רבינו:** מען זאגט נאך, אז מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער האט אויפגעהערט, האט ער געזאגט איעדער ווערט דאך קאליע אין אמעריקע, איך האב אויך געמוזט מיט עפעס קאליע ווערן, האב איך דאס אויסגעקליבן.

**האדמו"ר מתו"א:** מתוך מיעוט עוונות... מען זאגט דאך נאך פון צדיקים, אפשר פונעם **אהבת ישראל**, אז ביי חסידים איז אלץ דא מיעוט עוונות, ווי למשל קלאטשען אין שבת, אדער שטיין ביים בענטשען וכדו', דאס איז מתוך מיעוט עוונות, עס איז דא פארשידענע זאכן וואס מען קען נישט אייביג משלים זיין.[ג]

**רבינו:** ביי חסידים האט מען געזאגט, אז די עבירות וואס מען טוט ביים רבי'ן, דאס איז מכפר אויף די מצוות וואס מען טוט אין שטוב.

**האדמו"ר מתו"א:** אה, ביי די פריערדיגע רבי'ס..

---

[ג] בספר **צדה לדרך** (להגה"ק בעל **ויגד יעקב מפאפא זצ"ל**, אות שבת) כתב וזה לשונו: אנו מתפללין וזכנו לקבל שבתות וכו' ומתוך מיעוט עונות, וידוע קושית העולם הלא יותר טוב בלתי שום עונות. ויש לומר בדרך צחות, דכמה פעמים אי אפשר לקבל שב"ק מתוך שמחה רק מתוך מיעוט עונות, למשל כמה אנשים מתרעמים על שהולכין בשב"ק לטבול קודם התפלה דיש בזה כמה חששות סחיטה והוצאה, אבל הלא ידוע כי אי אפשר להרגיש קדושת שבת בשלימות רק בטהרה. או למשל ללמוד אצל נר יחידי, דהטורי זהב מתיר בנר שעוה וכיוצא בזה ויש מפקפקין (עיין בשו"ע או"ח סימן ער"ה סעיף א ובטו"ז סק"ב), או ללמוד אצל עלעקטער או אצל נאפט לאמפ, עיין במסגרת השולחן על קיצור שו"ע (סימן פ', לחם הפנים אות א), או לעשות ריקודין בשב"ק דהא תנן (ביצה ה-ב) אין מטפחין ואין מרקדין (עיין בשו"ע סימן של"ט סעיף ג'), כל פנים מיעוט עונות יש כאן. ויש לפרש בזה מאמר התנא (אבות ב-א) והוי מחשב שכר עבירה נגד הפסדה, כלומר הוי מחשב מה שאתה מרויח בעבירה כנ"ל נגד הפסדה, אם תחוש שלא ללמוד או שלא לטבול הבן היטב ע"כ.

**רבינו:** עס איז דאך געווען פארבינדען מיט אסאך ביטול תורה, דאס פארן און קומען, נאר עס האט געהאט א תועלת אויף שפעטער.

**האדמו"ר מתו"א:** דאס פארן אליין, די וועגן האט מכריע געווען לזכות.

**רבינו:** דאס פארן איז א הכנה צו די מצוה.

**האדמו"ר מתו"א:** די חסידים וואס פארן, זיי מיינען עס דאך זיכער ערליך.

**רבינו:** מען ברענגט דאך א ראיה פון די מנורה אז די הכנה פון די מצוה איז העכער פון די מצוה, די הטבת המנורה איז געווען דוקא דורך א כהן, און די הדלקה האט שוין געקענט זיין דורך א זר אויך, איז א סימן אז ווען מען מאכט די ריכטיגע הכנה, דעמאלס איז שוין נישט קיין חילוק, און יעדער קען שוין שפעטער משלים זיין.

**האדמו"ר מתו"א:** אפשר דאס קען זיין פשט, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, אז כאטש עס איז שוין געווען נאך די גרויסע עבודה פון די הכנה צום הדלקת המנורה, האט ער געטוהן די זעלבע עבודה ווייטער בשעת ער האט געצינדען, עס איז נישט נשתנה געווארן.

*

**האדמו"ר מתו"א:** ביז ווען בלייבט דער רב דא?

**רבינו:** ביז היינט נאכט. איך האב געהאט יארצייט ערב שבת נאך מיין מאמע ע"ה, זי ליגט דאך דא, וועגן דעם בין איך געקומען.

**האדמו"ר מתו"א:** דער אייבערשטער זאל העלפן זי זאל זיין א מליצה ישרה, און מען זאל קענען מבשר זיין שטענדיג נאר גוטע בשורות, נאר שמחה מיט נחת.

**א' מהנוכחים:** די לויה איז דא אדורך געגאנגען [לפני ביהמ"ד תולדות אהרן בירושלים].

**האדמו"ר מתו"א:** יעצט גייט אדורך נאר שמחות... עס איז אויך דעם טאטנ'ס יארצייט יעצט אין חנוכה.

**רבינו:** יא, היינט נאכט.

**האדמו"ר מתו"א:** די אייבערשטער זאל געבן אורך ימים ושנים, מען האט דאך געהאט א שטארקען קשר [עם האדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל][ד].

**רבינו:** איך בין געווען דא ביי די לויה דעמאלס.

(**רבינו שליט"א** שהה אז בארה"ק לרגל אירוסי בנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**)[ה].

**האדמו"ר מתו"א:** אזוי?! כ'האב נישט געוויסט אז מען איז געווען דא. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען קומען נאר אויף שמחות.

---

[ד] נעתיק קטע מתוך דברי **רבינו שליט"א** בעצרת הספד על **הרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל** ככלות השלושים לפטירתו, שהתקיים בבית

מדרשינו בוומסב"ג: ירמיה הנביא אומר (ירמיה ו-כו) בת עמי חגרי שק והתפלשי באפר, אבל יחיד עשי לך מספד תמרורים, ופירש"י אבל יחיד, כמו אבל של בן יחיד, מי שאין לו אלא בן יחיד ומת. האבל גדול כמו האבל שעושין כאשר נשאר רק בן יחיד, ושוב גם הוא נאבד מעמנו. וגם אצלי הוא 'אבל יחיד', אשר כל ימי גדלתי בין החכמים, ובו"ה הסתובבתי תמיד אצל ערליכע אידן, **'ויותר משלשים שנה שהייתי מתחמם לאורו של צדיק זה, וזכיתי כמה פעמים גם לשמשו'**. זקנים משער שבתו, רבותינו הצדיקים אשר לאורם הלכנו ודבקנו, נסעו למנוחות ונסתלקו לעולמם, כל מנהיגי ישראל מדור הקדום אינם, רק אחד היה אברהם, עוד נשאר לנו צדיק אחד 'אברהם', וגם הוא נלכד כעת מאתנו...

ובדרשת ז' אדר תשנ"ז הספיד ואמר: הסתלקותו הוא כאב גדול, שלא הניח כמעט דוגמתו בזה המדריגה שעבד בו את קונו, בשפלות רוח, וקדושה וטהרה, ולא נוכל להעריך גדולתו, כי היה משכמו ולמעלה גבוה מבני אדם..., האמונה בה' והבטחון היה מאיר אצלו בגלוי כהשמש לעין כל. ומי שעמד אצלו היה מרגיש איך מקיים שויתי ה' לנגדי תמיד. **'וזכיתי להסתופף הרבה בצלו, וגם לשמשו. ולמדתי הרבה מהמדות טובות שראו אצלו'**... והוא אבידה גדולה להכלל ישראל בכלל, ולירושלים עיה"ק בפרט, שעמד בראש מחנות ישראל להגן על קדושתו בכל פירצה שנתהוה בהעיר, והיה מהראשונים לצאת ללחום עבור קדושתה, וגם לי בפרטיות הוא אבל יחיד, מי יתן תמורתו, איפה רואים היום צדיקים כאלו, עבודת ה' כזה, לתת כל נפשו לה' בלי שום נגיעות, הכל בלתי לה' לבדו. הצדיקים המה עיני העדה, וכאשר נסתלקים העינים אין יודעים היכן לפנות לימין או לשמאל, ויתכן ליפול ח"ו בבירא עמיקתא...

[ה] נצטט בזה ברכת השנה וברכת מזל טוב שכתב **הגה"ק מתולדות אהרן זצוק"ל** למחותנו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצוק"ל** לעת לידת **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**:

ב"ה בין כסא לעשור תש"מ

גמר חתימה טובה א"כ [אל כבוד] מחותני היקר הרב הגאון המפורסם שהיו"ח וכו' כש"ת מו"ה יושע כ"ץ שליט"א

הנני בזה לברך את מעכת"ה לקראת השנה החדשה בברכת גמר חתימה טובה תחל שנה וברכותיה, ויזכה לראות הרבה נחת מכל יוצ"ח, זרעא חיא וקימא, זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אוריתא.

וברכת מזל טוב להולדת הנכד אצל מו"ה אנשיל שליט"א, ומזל טוב לאבי הילד שליט"א, ונזכה כולנו יחד לראות בישועתן של ישראל בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

מחותנו הדושת"ה ומברכו בכט"ס
אברהם יצחק קאהן

**רבינו:** מיין ברודער רבי שלמה זלמן (אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג) האט מיר אמאל פארציילט, אז אמאל יום הקדוש האט אים די טאטע [האדמו"ר מתו"א זצ"ל] געזאגט, דו ווייסט איך האב שוין לאנג נישט געטראכט פון דיין מאמע'ן, איך האב איר די נאכט געזעהן אין חלום, האט ער אים געפרעגט וואס, האט ער געזאגט איך וועל דיר שוין זאגן. א גאנץ יום הקדוש האט ער געהאט א פארשטערטען יום הקדוש, און ער האט אים שפעטער נאכאמאל איבערגעפרעגט וואס ער האט געזעהן, און ער האט עס אוועקגעדריידט און נישט געענפערט. איך מיין אז דאס איז געווען דער לעצטער יאהר פאר איר פטירה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן אלע זיין מליצי יושר.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר מתו"א:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען שטענדיג מבשר זיין גוטע בשורות, מען זאל האבן לעכטיגע טעג, געבענשטע טעג, זיסע טעג.

**רבינו:** אמן, פאר אייך אויך אי"ה. די אייבערשטער זאל העלפן די נשמה זאל האבן א עליה, און ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, און פארן גאנצן כלל ישראל, און מען זאל קענען מיטנעמען פון די ליכטיגע טעג אויף א גאנץ יאהר.

**האדמו"ר מתו"א:** ערכתי נר למשיחי, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.

**רבינו:** מען זאל זוכה זיין בקרוב צו קומען צו די ריכטיגע חנוכה, חנוכת הבית.

**רבינו שליט"א נתן להאדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א ספר שמן ראש על חנוכה**

**האדמו"ר מתו"א:** איך האב באקומען לעצטענס דעם ספר [שמן ראש] על התורה, איך האב שוין געלערנט דערין, ביי די פרשיות פון וישב און מקץ איז דא דארט אויף חנוכה אויך. עס איז שיין שיין, מלא וגדוש.

**האדמו"ר מתו"א ביקש מרבינו שליט"א להיכנס לבית מדרשו, והראה את החלק החדש שנבנה וניתוסף להיכל הבית המדרש הגדול. רבינו שליט"א האציל מברכותיו שיזכו לברך על המוגמר, ולהגדיל תורה ולהאדירה ביתר שאת ועוז. ונפרדו לשלום.**